בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' | פ' כי תבא | י"ד אלול | תשע"א | פסחים: צ"ה:

# באריכט:

נעכטן נאכמיטאג ארום 4:45 איז דער רבי שליט"א אנגעקומען אויף סי-געיט צו די הכנסת ספר תורה צום היכל הישיבה גדולה – ווי נעכטן באריכטעט.

דער רבי שליט"א איז תיכף צוגעפאהרן צום שטוב פון הנגיד מוה"ר ראובן יואל הארפענעס הי"ו ווי עס איז פאהרגעקומען דער סיום כתיבת האותיות.

דער רבי שליט"א האט דארט געדאווענט מנחה, און דערנאך האט דער רבי שליט"א אריינגעשריבן אן אות לגומרה של תורה נאכפאלגנדיג מיט א ענגע מסיבת לחיים.

עטליכע מינוט דערויף האט מרן רבינו שליט"א ארויסגעפירט דעם ספר תורה לרחובה של עיר בתופים ובמחולות, ווי דער רבי שליט"א האט דערנאך איבערגעגעבן דעם ספר פאר גיסו הגה"צ גאב"ד ור"מ דקהלתינו הק' ב"פ שליט"א, און די ריקודין איז נמשך געווארן אויפן וועג צום בנין הישיבה, בעת די ,תלמידי, יוצאי, ורמ"י הישיבה פרייען זיך מיט בשמחת התורה מלובש בבגדי שבת.

אינצווישן האט דער רבי שליט"א אפגעשטאהט א באזוך ביי מחותנו הגה"צ מ'סי-געיט שליט"א ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער שמועס בדברי תורה און נאך.

דאן איז דער רבי שליט"א אריבער צום בנין הישיבה ווי דער ספר תורה איז אנגעקומען, און דער רבי שליט"א האט מכבד געווען דעם ראש הישיבה הגה"צ מ'ציעשנוב שליט"א אריינצופירן דעם ס"ת אין ישיבה, דערנאך האט דער רבי שליט"א געטאנצן מיט די ספר תורה א לענגערע צייט און דאן די ראשי הישיבה און מנהלי המוסדות שליט"א.

דאן האט דער רבי שליט"א מכניס געווען דעם ספר תורה אין היכל און דאן פארגעזאגט לדוד מזמור, און דערנאך האט דער רבי שליט"א פארלאזט סי-געיט אויפן וועג קיין וויליאמסבורג.

ஐ•ஐ

נאך ווי דער רבי שליט"א האט פארלאזט די ישיבה האבן די בחורים גלייך זיך גענומען צוגרייטן דאס היכל ביהמ"ד צו די סעודת מצוה לגומרה של תורה.

ביי די סעודה האבן אויפגעטרעטן הגה"צ דער ראש ישיבה שליט"א, הרב מענדל אייכענשטיין שליט"א משגיח בישיבה, הרה"ג ר' חיים אלעזר ראבינאוויטש

שליט"א דומ"ץ דינוב, הב' החשוב בנש"ק יחיאל הכהן גלאנץ הי"ו וועלכער איז געווען דער עמוד התווך פונעם וועד כתיבת ס"ת, און מיט ברכהמ"ז איז מכובד געווארן הרבני הנגיד מוה"ר אברהם יושע העשיל פעקעטע הי"ו.

꧁•꧂

ווען דער רבי שליט"א איז אנגעקומען אויף וויליאמסבורג איז דער רבי שליט"א געגאנגען מנחם אבל זיין מוה"ר יעקב צבי נייישטאדט הי"ו ובניו וועלכער זיצט ל"ע שבעה נאך א טאכטער ה'.

דאן איז דער רבי שליט"א ערשינען צו די חופה פון החתן נכד הרבני הנגיד הטפסר המרומם מוה"ר מאיר זעליג ריספלער הי"ו – בן בנו מוה"ר אפרים פישל הי"ו, עב"ג בת מוה"ר משה יוסף מיטעלמאן הי"ו מטובי קהלתינו הק', ווי דער רבי שליט"א האט מסדר קידושין געווען און דערנאך איז דער רבי שליט"א געגאנגען צו די חופה פון בת מוה"ר שלום אליעזר פראנקעל הי"ו גזבר קהלתינו הק' עב"ג החתן בן הר"ר משה אלי' גרין שליט"א מנה"ר במוסדותינו הק' וויליאמסבורג ווי דער רבי שליט"א האט מסדר קידושין געווען.

꧁•꧂

אויפדערנאכט בעת דער רבי שליט"א האט געזעגענט אנ"ש איז הרה"ג ר' שמואל שלעזינגער שליט"א בן הגאון ראש ישיבת הרמה שליט"א געקומען צו מרן רבינו שליט"א לקראת די חתונה פון א קינד בשטומ"צ.

꧁•꧂

שפעטער אויפדערנאכט נאכ'ן געזעגענען אנ"ש איז דער רבי שליט"א ערשינען צו די שמחת החתונה פונעם אייניקל פון הרבני הנגיד הטפסר המרומם מוה"ר מאיר זעליג ריספלער הי"ו – נדבן בנין בית רחל – בנין ריספלער ווי דער רבי שליט"א האט מאציל געווען ברכת קדשו פאר'ן חתן און מחותנים און דערנאך געטאנצן מצוה טאנץ.

꧁•꧂

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א', בעפאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' ישראל ניימאן הי"ו פון קרית יואל ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל. נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

נאכמיטאג צייט איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ישיבה גדולה ווי דער רבי שליט"א האט ממשיך געווען מיט'ן "סוגיא פאהרלערנען" פאר די תלמידי הישיבה. אצינד אויפדערנאכט נעמט דער רבי שליט"א אויף דעם ציבור אנ"ש אין וויליאמסבורג צום געזעגענען.

꧁•꧂

## שיינער שמחת בר מצוה בקהלתינו הק' אין לאנדאן

א שיינער שמחת בר מצוה איז נעכטן נאכט געפראוועט געווארן אין בית מדרשינו הגדול אין לאנדאן – פון הב' בנש"ק בן הגה"צ רב דקהלתינו שליט"א, ווי עס האבן זיך באטייליגט אנשי שלומינו, און א קאליפולער ציבור תושבי העיר, ובראשם גדולי ורבני העיר שליט"א.

דורכאויס די גאנצע צייט האט דער טאלאנטפולער כאר – אנגעפירט דורך האברך ר' מענדל וויינשטיין הי"ו מהנה געווען מיט פרקי זמירות לרגל די שמחה.

עס האבן אויפגעטרעטן דער מרא דאתרא הגרמח"א פדווא שליט"א, און דער זיידע הגה"צ מ'ראחוב שליט"א וועלכער איז צוגאסט פון בני ברק, און דערנאך האט אויפגעטרעטן דער בעל שמחה דער רב שליט"א וועלכער האט בתוך דבריו ארויסגעברענגט אז אצינד איז פונקט א יאהר פון זיין התמנות על כס הרבנות אין די קהלה, און דערויף גיט ער א שבח והודי' פאר'ן אויבערשטן פאר אזא זכי'.

דער ציבור משתתפים איז דערנאך אדורך געגאנגען וואונטשן מזל טוב פאר זייער איבערגעגבנער רב שליט"א.

אצינד – בעת'ן שרייבן די שורות – קומט אין לאנדאן פאהר די חתונה פון בת הגה"צ אבד"ק דקהלתינו מאנטשעסטער שליט"א ווי אנשי שלומינו זענען זיך משתתף לכבודו. דער רבי שליט"א האט היינט מיטאג טעלעפאניש אפגעגעבן די מזל טוב פאר'ן רב שליט"א.

•

## ניחום אבלים

ביי משפחת המנוח הרה"ח הישיש מוה"ר אפרים פישל פריעדמאן ז"ל זיצט מען שבעה ביז זונטאג אינדערפרי.

מען זיצט שבעה אין זיין שטוב אויף 125 טעילאר סט. אין וויליאמסבורג, אפט. 2-C

•

ביי משפחת המנוחה הישיש מוה"ר מרדכי ישראל געלבמאן ע"ה זיצט מען שבעה ביז ערב שב"ק נאכמיטאג.

מען זיצט שבעה אין זיין שטוב אויף 214 קיעפ סט. אין וויליאמסבורג.

•

ביי משפחת האשה החשובה מרת הענדל מחלה ע"ה בת מוה"ר יעקב צבי הי"ו (נייעשטאדט) אשת האברך ר' מיכל הכהן פריעד הי"ו, זיצט מען שבעה ביז ערב שב"ק נאכמיטאג.

מען זיצט שבעה אויף 3 וואלטאן סט. אין וויליאמסבורג.

***ובלע המות לנצח***
***-בשורות טובות-***

•

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**

**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**